# עכאָ

איך האָב געפֿרעגט
דעם בוים אין וואַלד :
ווו איז איצט
מײַן מאַמע ?

דער בוים
האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ.

איך האָב געפֿרעגט
דעם קאַלטן טײַך :
ווו איז איצט
מײַן מאַמע ?

איז אים דער הימל
געפֿאַלן אויפֿן האַלדז
און געבעטן : דערצייל נישט,
דערצייל נישט.

כ'האָב אויפֿגעוועקט
פֿון שלאָף די פֿעלדער
און געפֿרעגט זיי :
ווו איז איצט
די מאַמע מײַנע ?

איין גרעזל האָט דאָס צווייטע
אָנגעקוקט פֿאַרזאָרגט — —
איך האָב געוואַרט.
זיי האָבן דערפֿילט
די זון איבער זיך
און פֿאַרגעסן, פֿאַרגעסן.

צווישן שוואַרץ–גרינע בערג
האָט אַ זקן שפּאַצירט —
מיט הימלען און גאָט
אין די אויגן ;
מיט שטערן און נאַכט
אין די אויגן
האָט אַ זקן שפּאַצירט.

כ'האָב געבעטן אים : זאָג מיר,

ווּ איז מײַן מאַמע ?

כ'האָב פֿאַרהאַלטן דעם אָטעם,
ווי די בערג אַרום אונדז,
און מיט אייביקן ערנסט,
פֿאַרקוקט צו דעם ווײַסן
גאַנג פֿון די וואָלקן,
ווי די בערג אַרום אונדז,
האָט דער אַלטער געזאָגט :
„זי פֿרעגט שטיל דעם טאָג,
און נאָך שטילער — די נאַכט :
ווּ איז אַצינדער
מײַן קינד ?"

--------------------------------------------

**1920**